**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 01/16/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט הויכפונקטן פונעם פיסקאלע יאר 2025 בודזשעט**

***גאווערנאר צייגט באלאנסירטע בודזשעט מיט רעקארד אינוועסטירונגען, קיין אינקאם שטייער העכערונגען***

***אינוועסטירונג אין פובליק זיכערהייט ארבעט צו האלטן ניו יארקערס פארזיכערט***

***$35.5 ביליאן צו באצאלן פאר מעדיקעיד העלט קעיר פאר בארעכטיגטע ניו יארקערס***

***$4.8 ביליאן צו אדרעסירן ערנסטע מענטל קראנקהייטן און יוגנליכע מענטל געזונטהייט קריזיס***

***$35.3 ביליאן פאר שולע הילף, העכערונג פון $825 מיליאן פונעם פאראנגאנגענעם יאר, העכסטע ביז היינט אינוועסטירונג פאר עדיוקעישאן אין סטעיט היסטאריע***

***ניו יארק פארזיכערט $6 ביליאן אין פעדעראלע געלטער דורך די 1115 וועיווער***

***ארטיגע און שטאטישע אינוועסטירונג צו פארשטערקערן עקאנאמישע אנטוויקלונג***

***$435 מיליאן אינוועסטירט אין רעזיליענסי פראיקטן צו באשיצן קאמיוניטיס פון ערנטע פלייצונגען***

***פירט איין די ווידעראנטוויקלונג פון אונטערבאנוצטע זייטלעך פאר האוזינג פראיעקטן צו איבערנוצן סטעיט זייטלעך און פראפערטיס צו נוצן אלס האוזינג***

***$100 מיליאן פאר שמירן אונזער פאטהוילז פראגראם; $61 מיליאן זיך צו ריקן פאראויס מיט אינטערבאראו עקספרעס און די פלאנירן פון די צווייטע אוועניו סאבוויי פארברייטערונג***

**גאנצע בודזשעט ביכל אוועילעבל [דא]**

גאווערנאר קעיטי האקול האט היינט געמאלד די הויכפונקטן פונעם פיסקאלע יאר 2025 בודזשעט. דער בודזשעט צייגט גאווערנאר האקול'ס געטריישאפט צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך, מער וואוינבאר און פארזיכערט - דערוייל נוצנדיג א פיסקעלי פאראנטווארטליכע צוגאנג וואס האלט די סטעיט אויף א גוטע וועג פאר די קומענדיגע יארן.

"דער בודזשעט מאכט עס קלאר אז פיסקעל דיציפלין קען עקזיסטירן צוזאמן מיט פראגרעסיוו, מענשטן-געפירטע פאליסיס," **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "איך בין געטריי צו קעמפן די ריכטיגע קעמפן

פאר ניו יארקערס, און צו דערגיין די אלגעמיינע גוטס מיט אלגעמיינע קלוגשאפט - דורך זוכן אלגעמיינע פארשטאנד."

**<u>א באלאנסירטע בודזשעט</u>**

גאווערנאר האקול'ס פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין מערקווערדיגע אינוועסטירונגען צו מאכן ניו יארק מער צוגענגליך, מער וואוינבאר און פארזיכערט. אלע געלטער צו ארויסגעבן איז $233 ביליאן, א וואוקס פון 4.5 פראצענט. גאווערנאר האקול האט געמאכט א פריאריטעט צו פארשטערקערן די סטעיט'ס רעזערוויז וואז איז יעצט פונקט איבער 15 פראצענט פון די אפעראציע קאסטן. אונטער גאווערנאר האקול'ס פירערשאפט, האט ניו יארק סטעיט אנגעהאלטן א באנד ראטע פון AA+, וואס פארמינערט די קאסטן פון בארגן.

**<u>פארבעסערן פובליק זיכערהייט און פארהאלטן פארברעכערס</u>**

די פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט מאכט א פראיעקט פון געצילטע איוועסטירונגען וואס וועלן פארשטערקערן די ארבעט פון האלטן ניו יארקערס פארזיכערט. געלטער פאר ניו יארק סטעיט'ס פובליק זיכערהייט אגענטורן שליסן איין:

- **$347 מיליאן** אינוועסטירונג אין פראגראמען צו פארמיידן און פארמינערן ביקס געוואלדעס.
- **$290 מיליאן** צו צוריקקערן די ווירקליכקייט פון די קאנטיניועם פון די קרימינאלע גועריכט סיסטעם.
- **$120 מיליאן** פאר קרבן הילף געלטער.
- **$40.2** מיליאן צו אדרעסירן ריטעיל גניבה און ברענגן רעליעף פאר קליינע ביזנעסער.
- **$40.8 מיליאן** צו פארמינערן געוואלדערס מיט א ציל אויף שטוב געוואלדעס.
- **$35 מיליאן** פאר נעקסטע רונדע פונעם פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האס פארברעכן פראגראם.
- **$5 מילאן** פאר די קאמערשאל סעקיורטי שטייער קרעדיט צו העלפן ביזנעס אייגנטומער מיט די קאסטן פון ריטעיל גניבות.
- **נייע געזעצן צו פארשטערקערן די קאנאביס געזעץ**, העלפן די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט און לאקאלע רעגירונגן פארמאכן אדער פארשליסן אומלעגאלע ביזנעסער.

**<u>טוישן די מענטל העלט קאנטיניועם פון קעיר</u>**

ניו יארק'ס מענטל העלט סיסטעם האט יארן לאנג נישט באקומען גענוג געלטער, אבער די פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזעט העכערט סטעיט אינוועסטירונג מיט איבער 45 פראצענט, פון $3.3 ביליאן אין 2022 צו $4.8 ביליאן איבער די גאנצע קאנטיניועם פון קעיר. די אינוועסטירונגען רעכענען אריין:

- **$55 מיליאן** צו ערפינדן 200 נייע אין-פאציעט פסיכיאטרישע בעטן.
- **$45 מיליאן** פאר יוגנטליכע מענטל העלט אריינגערעכנט שולע-באזירטע סערוויסעס און מענטש-צו-מענטש קאונסעלינג.
- **$43 מילאן** צו העלפן שטיצן האוזינג יוניטס פאר מענטשן וואס דארפן מענטל העלט סערוויסעס.
- **$42.2 מיליאן** צו פארמערן פארגוטיגונג פאר מענטל העלט באהאנדלונג סערוויסעס.
- **$37 מיליאן** צו בויען נייע פראגראמען פאר מענטשן וואס לעבן מיט מענטל קראנקהייט וואס האבן נישט קיין היים.
- **$24 מיליאן** צו העלפן מענטשן מיט מענטל העלט פראבלעמען וואס זענען אין די קרימינאלע געריכט סיסטעם.

**<u>היסטארישע אינוועסטמענטס אין פובליק עדיוקעישאן</u>**
זייט אריינגיין אין אפיס, האט גאווערנאר האקול פארמערט שולע געלטער מיט היסטארישע סומעס - א סך הכל פון 6$ ביליאן איבער צוויי יאר - און שליסט איין א פארשלאג צו פארזיכערן אז יעדע שולע דיסטריקט נוצט בעסטע פראקטיקן פאר אויסלערנען באזירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען. היי יאר שלאגט גאווערנאר האקול פאר די העכסטע סומע פון שולע הילף אין ניו יארק סטעיטס'ס היסטאריע:

- **$35.3 ביליאן** סך הכל שולע הילף, א העכערונג פון 825$ מיליאן (2.4 פראצענט) פון פיסקאלע יאר 2024. דאס שליסט איין א **$507 מיליאן** העכערונג אין פאונדעישאן הילף
- **$10 מיליאן** צו טרענירן 20,000 לערערס און לערער געהילפן אין בעסטע פראקטיקן פאר באוויז-באזירטע ליטערעסי אויסלערנען פראקטיקן.
- **4-יאר** פארלענגערונג פון מעיאר קאנטראל איבער ניו יארק סיטי פובליק סקולס.

די עקזעקיוטיוו בודזשעט ענטהאלט ווייטער גאווערנאר האקול'ס וויזיע צו איבערארבעטן די סטעיט'ס פובליק העכערע עדיוקעישאן סיסטעם צו ווערן די בעסטע און מערסטע אייניגע שטאטישע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישאן אינעם לאנד:

- **$1.2 ביליאן** פאר נייע קאפיטל פראיעקטן ביי SUNY און CUNY
- **$207 מיליאן** פאר SUNY און CUNY אפעראציעס.
- **$2.75 מיליאן** פאר די SUNY עמפייער סטעיט סערוויס קארס, צושטעלן קאמיוניטי סערוויס ארבעט געלעגנהייטן פאר סטודענטן.
- **$2.5 מיליאן** פאר די אפעראציע קאסטן פאר SUNY'ס אנטיילנעמען אין די עמפייער AI קאנסארטיעם.
- **$2 מיליאן** פאר SUNY'ס ראלע אין NY שווימט.
- $1.5 **מיליאן** פאר די סטעיט וועטער ריזיקע קאמיוניקאציע צענטער ביים אוניווערסיטעט אין אלבאני.

**<u>שטיצן ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם</u>**
העלט קעיר איז די סאמע גרעסטע קאסטן אין ניו יארק סטעיט'ס בודזשעט. גאווערנאר האקול שלאגט פאר היסטארישע געלטער צו האלטן ניו יארקערס געזונט, דערוויל אויך אוועקשטעלן די מעדיקעיד פראגראם אויף אן אנהאלטנדע לאנג-טערמיניגע פיסקעל שטאנד.

- **$35.5 ביליאן** פאר מעדיקעיד, צוזאמען מיט געצילטע און איבערמאכנדע טוישונגען צו פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע דויערהאפט און אנהאלטשאפט פון די מעדיקעיד פראגראם.
- **$315 מיליאן** צו צושטעלן העלט אינשורענס הילף פאר מענטשן ביז 350 פראצענט פון די פעדעראלע ארעמקייט ליניע איינגעשריבן אין קוואליפיצירטע העלט פלענער.
- **$67 מיליאן** פון די אפיאד שליכטונג געלטער פאר שאדענס פארמינערונג, פארמיידונג און ערהוילונג סערוויסעס.
- **$45 מיליאן** פאר דיסאביליטי סערוויסעס און זעלבשטענדיגע לעבן געלעגנהייטן.
- **$25 מיליאן** צו ערמעגליכן פארשריט און פארשונג און באהאנדלונג פאר ALS און אנדערע זעלטענע קראנקהייטן.
- **$6.7 מיליןא** צו ווערן אן "עמפלוימענט ערשט" סטעיט פאר די דיסאביליטי קאמיוניטי.

די עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין **$7.5 ביליאן** אין געלטער איבער די נעקסטע דריי יאר ($6 ביליאן פעדעראל, $1.5 ביליאן סטעיט) דורך _אן אמענדמענט צו ניו יארק'ס מעדיקעיד טייל 1115 דעמאנסטראציע פראגראם צו שטיצן א פולקאמע סעריע שריט צו אוואנסירן געזונטהייט אייניגקייט, פארמינערן געזונטהייט פארשידנהייטן, און פארשטערקערן צוטריט צו פריימערי און ביהעיוויורעל געזונטהייט קעיר איבער די סטעיט.

- מאכט אוועילעבן קאפיטאל שטיצע און שטעלט צו רעגיולעטרי פלעקסיביליטיס צו העלפן איבערמאכן זיכערהייט נעץ שפיטעלער צו נאכקומען אנהאטלקייט.
- צו אוואנסירן העלט אייניגקייט, פארמינערן געזונטהייט פארשידנהייטן, און שטיצן צושטעלען פון סאשעל קעיר.
- צו מוטיגן ווייטערדיגע צושטעלן סיסטעם איבערמאכונג, פארבעסערן באפעלקערונג געזונט און קוואליטעט, פארבעסערן איינפירן פון סערוויסעס, און אוואנסירן געזונט-פארבינדענע סאשעל געברויך (health-related social need - HRSN) סערוויסעס.
- די וועיווער שליסט אויך איין **$550 מיליאן** אין יערליכע געלטער צו שטיצן דאס אריבערגאנג פון אנגעשטערענגט פראוויידערס צו א נייע מאדעל פון קעיר וואס נוצט גלאבאלע בודזשעטינג.

**<u>מוטיגן עקאנאמישע וואוקס און געלעגנהייטן</u>**

אנגייענדע אינוועסטירונג אין ניו יארק'ס ענקאנאמישע ערהוילונג איז א וויכטיגע טייל פון די פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט. גאווערנאר האקול'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג וויזיע צילט אויף אינדוסטריס וואו אינאוואציע איז וויכטיג פאר הצלחה וואס פירט צו די אוואנסירונג פון ארטיגע עקאנאמישע פריאריטעטן דורך סטראטעגישע אינוועסטירונג אין קאמיוניטיס איבער די סטעיט.

- **$500 מיליאן** אין קאפיטאל רעסורסן צו שטיצן די סטעיט'ס $1 ביליאן געטריישאפט צו פארברייטערן און מאדערניזירן די NY CREATES אלבעני נאנט-טעק קאמפלעקס.
- **$200 מיליאן** פאר די איין נעטווארק פאר ארטיגע מאדערנע מאניופאקשורינג צוזאמענארבעט - (One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, ON-RAMP) צו אוועקשטעלן א נעץ פון פיר נייע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן לענגויס די I-90 קארידאר אין אפסטעיט ניו יארק
- **$100 מיליאן** פאר די FAST NY פראגראם צו אנטוויקלען שאר-גרייטע זייטלעך צו פארזיכערן ניו יארק'ס אנגייענדע צו פאר גרויסע ארבעטסגעבערס און הייי-טעק מאניופאקשורינג פירמעס.
- **$50 מיליאן** פאר די בוי צוריק ניו יארק קאמיוניטיס פראיעקט צו אויסמעקן פלעקן, איבערפרישן דאונטאונס, און ערמעגליכן עקאנאמישע וואוקס געלעגנהייטן אין קאמיוניטיס איבער די סטעיט.
- **$150 מיליאן אין נייע קאפיטאל גרענטס און $75 מיליאן אין נייע עקסעלסיור שטייער קרעדיטס** צו שטיצן פראיעקטן קאארדינירט און פלאנירט דורך ארטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס.
- **$100 מיליאן** פאר נאך א רונדע פון די דאונטאון אויפלעבן איניציאַטיוו.
- **$100 מיליאן** פאר ניו יארק פארווערד צו שטיצן די סטעיט'ס רורעל קאמיוניטיס.
- **$275 מיליאן** צו שטיצן די [Empire AI Initiative](Empire AI Initiative) איבער מערערע יאר, געשעטיצט מיט מער ווי $125 מיליאן אין מולטי-יאר פינאנציעלע התחייבות'ער פון פריוואטע שותפים.
- **$56.5 מיליאן** פאר טוריזם און אדווערטייזן קאמפיינען.
- **$50 מיליאן** צו שטיצן נאך א רונדע פון NSYCA'ס שענגונג פראגראם פאר קאפיטאל פראיעקטן פון אלע מאסן ביי ארטס ארגאניזאציעס איבער די סטעיט.

**<u>פארזיכערטע וועגן, בעסערע רייזעס</u>**

די פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין אינוועסטירונגען צו ווייטער פארבעסערן שאסיי און בריק זיכערהייט איבער ניו יארק, אריינגערעכנט:

- **$7.9 ביליאן** אין סטעיט אפעראציע הילף פאר די MTA, וואס גאווערנאר האקול האט געשפארט פונעם "פיסקעל קליף" אין די פאריעריגע בודזשעט.
- **$7.6 ביליאן** פאר די דריטע יאר פון די פינעף-יעריגע $32.9 ביליאן דעפארטמענט און טראנספארטאציע קאפיטאל פלאן, די גרעסטע אין ניו יארק'ס היסטאריע.
- **$577.8 מיליאן** אין געלטער פאר די קאנסאלידעיטעד הייוועי פארבעסערונג פראגראם (Consolidated Highway Improvement Program, CHIPS) און די מארטשיסעלי פראגראם.
- **$551 מיליאן** פאר נישט-MYA טרענזיט אינעם דאונסטעיט ראיאן.
- **$323 מיליאן** פאר טרענזיט סיסטעמען אין אפסטעיט ניו יארק.
- **$100 מיליאן** פאר די שמירן אונזער פאטהוילז (Pave our Potholes, POP) פראגראם
- **$45 מיליאן** פאר ענדזשינירינג אויף די אינטערבאראו עקספרעס
- **$16 מיליאן** זיך צו ריקן פאראויס מיטן פלאנירן די צווייטע אווניו סאבוויי פארברייטערונג ביז בראדוועי.
- שטעלט פאר א פולע זיכערהייט פעקל צו אדרעסירן די פארבליבענע לעגיסלאטיווע פארשלאגן פון די סטרעטש לימאזין רייזנדע זיכערהייט טעסק פארס.

<u>**קעמפן פאר קלימאט טויש און מוטיגן רעזיליענסי**</u>

ניו יארק'ס קלימאט צילן זענען איינער פון די שטערקסטע אינעם לאנד. די פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט צייגט גאווערנאר האקול'ס געטריישאפט צו נעמען קראנטע שריט, נאכקומען די סקעיל און וויכטיגקייט פונעם קלימאט קריזיס דערווייל העלפן די וואוקס פון אונזער עקאנאמיע און באשיצן קאנסומערס.

די עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין פארשלאגן וואס וועלן פארשנעלערן ניו יארק'ס אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע. די צוגענגליכע גאז טרענזישאן אקט וועט באשיצן יוטיליטי קונדן פון די קאסטן פון אומריכטיגע אינוועסטירונגען אין פאסיל אויל אינפראסטרוקטור און אוועקשטעלן ניי געזעצן און אנווייזונגען צו גילטן פאר די פארברייטערונג פון גאז סערוויס אין איינקלאנג מיט די קלימאט אקט. די עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט אויך איין די באנייענדע אקציע דורך פראיעקט פארבינדן און ארויסגעבונג (Renewable Action Through Project Interconnection and Deployment, RAPID) אקט, וואס וועט ערמעגליכן איין ארט פאר די ענווייראנמענטל איבערזוכט און ערלויבן גרויסע באנייענדע ענערגיע און טרענזמישאן פאסיליטיס אינערהאלב די אפיס פון באנייענדע ענערגיע סייטינג (Office of Renewable Energy Siting, ORES), דערביי מאכן גרינגער די סייטינג פון גרינע אינפרעסטרוקטאר נויטיג צו נאכקומען די סטעיט'ס קלימאט צילן. די עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט אויך איין א פארשלאג צו פארברייטערן די קלימאט סמארט קאמיוניטיס פראגראם דורך פארמערן די מאקסימום שענקונג צו העלפן לאקאליטיס נאכקומען די עקאנאמישע, סאשעל, און ענווייראנמענטל שוועריגקייטן פון קלימאט טויש.

די עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין:

- **$500 מיליאן** פאר ריינע וואסער איבער צוויי יאר.
- **$435 מיליאן אין רעזיליענסי פראיקעטן צו באשיצן קאמיוניטיס פון ערנטע פלייצונגען,** אריינגערעכנט $250 מיליאן פאר א פרייוויליגע אויסקויף פראגראם.

- **$400 מיליאן** פאר די ענווייראנמענטעל שוץ פאנד.
- **$100 מיליאן** פאר די סטעיט סופערפאנד פראגראם.

- **$160 מיליאן** אינוועסטירט אין NY SWIMS צו אדרעסירן די מאנגל פון אינוועסטירונג אין שווימען פאסיליטיס און לייפגארדס אין אונטערסערוויסטע קאמיוניטיס און נאך $446 צו אינוועסטירן אין סטעיט פארקס און שווים באסיינען.

- **$47 מיליאן** צו פלאנצן מער ווי 25 מיליאן ביימער איבער ניו יארק ביז 2033, ווי געמאלדן אין די גאווערנאר'ס 2024 סטעיט אוו די סטעיט אדרעס.

**<u>אדרעסירן די אימיגראנטן און שוץ זוכער קריזיס</u>**
זייט די מייגרענטס און שוץ זוכערס האבן אנגעהויבן קומען צו ניו יארק סיטי אין גרויסע גרופעס, האט גאווערנאר האקול גענומען א פירנדע ראלע צו העלפן די סיטי זיך ספראווען מיט'ן קריזיס.

נאכ'ן שענקן $1.9 ביליאן איבער די פארגאנגענע פיסקל יאר פאר דעם פראבלעם, וועט גאווערנאר האקול פארמערן סטעיט שטיצע פאר די סיטי'ס ארבעט צו **$2.4 ביליאן**. דאס שליסט איין **$500 מיליאן** געצויגן פון די סטעיט'ס רעזערוו וואס זענען געאייגענט צו נוצן פאר איין-מאליגע עמערדזשענסיס.

**<u>אנגייענדע פאקוס אויף האוזינג</u>**
גאווערנאר האקול'ס פיסקאלע יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט שליסט איין פראגראמען צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס דורכאויס ניו יארק.

- פארלאנגן אז לאקאליטיס זאלן באקומען האוזינג קאמיוניטי סערטיפיקעישאן צו צוקומען צו ביז **$650 מיליאן** אין סטעיט דיסקרעשאנערי געלטער
- **$500 מיליאן** אין קאפיטעל געלטער געאאיגענט צו אנטוויקלען ביז 15,000 האוזינג יוניטס אויף סטעיט פראפערטי.
- **לעגיסלאציע צו פארמערן די האוזינג סופליי אין ניו יארק סיטי**, אריינגערעכנט נייע שטייער אינסענטיווס, ערלויבעניש פאר די סיטי צו וואקסן אלטע איינוואוינער געדעכטקייט באגרעניצונגען וואו פאסיג, מוטיגן צוגענגליכע האוזינג אין אפיס איבערמאכונג, און א וועג פאראויס צו מאכן בעיסמענט און קעלער דירות לעגאל
- **לעגיסלאציע צו פארמערן שוץ פאר צוגענגליכע האוזינג פראוויידערס** דורך פארבאטן פאר אינשורענס קאריערס צו העכערן פרימיומס אויף פראפערטי אייגנטומערס באזירט אויף טענענט קוואל פון פארדינסט, די עקזיסטענץ פון אפארדעבל האוזינג יוניטס, אדער דאס באקומען רעגירונג הילף
- **לעגיסלאציע צו באשוצן היים אייגנטומערס** דורך מאכן א קלארע מיינונג פונעם פארברעך פון דיד גניבה און העלפן פארבעסערן איינפירונג און אנדערע מאסנאמען צו פארמיידן די געפערליכע טאט

**<u>פארשטערקערן און מוטיגן אגריקולטור</u>**
נייע אינוועסטירונגען אין ניו יארק'ס אגריקולטור אינדוסטרי און קלימאט רעזיליענס.

- **$34 מיליאן** אין קאפיטאל שענקונג פאר אויפ'ן פארם מילך אויפהאלטונג טעכנאלאגיעס און פראצעסירונג אינפרעסטרוקטור צו פארבעסערן סופליי טשעיקן פעהיגקייטן.

- **$21 מיליאן פאר א נייע אלטערנאטיוו אפפאל מענעדזשמענט און פארבעסערטע פרעסיזשאן פיד פראגראם** צו ווייטער פארגוטיגן דאס ארויסגעבן פון אגריקולטורישע גרינהויז גאזן
- **$10 מיליאן** צו אנהאלטן א מולטי-יאר אינוועסטירונג צו שטיצן קאך פאסיליטיס וואס גרייטן צו עסן פאר K-12 שולעס פון ניו יארק סטעיט פארם פראדוקטן.
- **$10 מיליאן צו איבערפרישן ניו יארק'ס וואסער קולטור אינדוסטרי דורך די בלויע עסן טראנספארמאציע און צו העלפן ניו יארק'ס בייא-עקאנאמיע וואקסן**

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן